# פרשת שמות ט"ו - כ"א טבת תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמות***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ח סעיף ד') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מיר** האבען געהאט אין די פרשה די פאריגע וואך די ברכות יעקב, וואס יעקב אבינו האט געבענטשט זיינע קינדער, בעפאר ער איז נסתלק געווארן, און פאר יוסף האט ער געגעבן די שענסטע ברכה. ער האט געזאגט פאר יוסף, 'ברכת אביך', די ברכות וואס איך האב באקומען פונעם אייבערשטען, 'גברו על ברכות הורי', זענען שטערקערע ברכות, ווי די ברכות וואס מיינע עלטערן האבן באקומען פונעם אייבערשטען. רש"י טייטשט, און עס איז א גמרא (שבת קיח.), אז יעקב אבינו איז געבענטשט געווארן מיט א נחלה בלי מצרים, ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה (כח-יד). 'תהיין לראש יוסף' (מט-כו), אלעס געב איך איבער פאר דיר. די ברכות וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע אבות, און זיינע אייגענע ברכות, האט ער אלעס אוועקגעגעבן פאר יוסף.

**עס** שטייט אין מדרש (הובא **בחתם סופר** רמד.), אז די שבטים האבען געהאט קנאה אויף יוסף, אז ער האט באקומען אזעלכע שיינע ברכות פונעם פאטער. די מדרש זאגט, אז עס איז א משל וואס מען זאגט, 'פאר אן עושר גייט גוט, און יעדער חנפ'ט זיך צו א עושר'. יוסף איז געווען דער עושר, ער איז געווען דער מלך, און כאילו יעקב אבינו האט זיך אויך געחנפ'ט צו אים, און ער האט אים אלעס אוועקגעגעבן. אזוי שטייט אין מדרש.

**און** עס דארף האבען א ביאור, לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים (שבת י:), און עס נעמט זיך דאך פון יוסף. גאנץ מכירת יוסף איז דאך געווען, ווייל מען האט געמאכט א כתונת פסים, פארוואס האט ער געגעבן אן עקסטערע ברכה פאר יוסף, מער ווי ער האט געגעבן פאר די איבריגע.

**נאך** א פלא איז דא אין די ברכות. יצחק האט געמאכט אן עסק פון די ברכות. ער האט געוואלט בענטשן עשו, און די מאמע רבקה האט געגעבן אן עצה פאר יעקב, אז ער זאל קומען און מקבל זיין די ברכות. יעקב האט אויך געבענטשט אלע קינדער. אבער אברהם אבינו געפונט מען נישט, אז ער זאל האבען געבענטשט יצחק. עס איז נישט דא קיין איין פסוק אין די תורה, וואו עס שטייט אז אברהם אבינו האט געבענטשט יצחק. יצחק האט געבענטשט יעקב, און יעקב האט געבענטשט די שבטים, אבער מען געפונט נישט אז אברהם זאל בענטשען יצחק. דער תרגום יונתן (בראשית כה-יא) זאגט, פארוואס אברהם האט נישט געבענטשט יצחק, ווייל אזוי ווי ער האט געהאט צוויי קינדער, יצחק מיט ישמעאל. ישמעאל האט ער נישט געוואלט בענטשען, און ווי איידער צו בענטשן ישמעאל, האט ער מוותר געווען און ער האט נישט געבענטשט יצחק. מיר ליידען פון ישמעאל אן זיינע ברכות, ווי אזוי וואלט אויסגעקוקט ווען ער וואלט נאך באקומען א ברכה פון אברהם אויך. האט ער ענדערש נישט געבענטשט יצחק, ווי איידער ער זאל דארפען בענטשן ישמעאל.

**עס** קען זיין א ביאור דערין, פארוואס אברהם האט נישט געבענטשט יצחק, און פארוואס יעקב האט איבערגעגעבן אלע ברכות נאר פאר יוסף, און נישט פאר די איבריגע שבטים. דער הייליגער **חתם סופר** (ריש פ' וישלח קכט.) שטעלט זיך אויף יצחק, פארוואס ער האט געוואלט געבן די ברכות פאר עשו. אמת, עשו האט אים אויסגענארט, און ער האט געמיינט אז ער איז א וואוילער יוד. כי ציד בפיו, ער האט געפרעגט, אבא האיך מעשרין את המלח, ער איז נישט געווען אזוי שלעכט אין יצחק'ס אויגען, ווי מיר ווייסען דעם אמת. אבער אויף יעקב קען זיך קיינער נישט דינגען, אז ער איז געווען אן איש תם יושב אהלים. ער זיצט אין בית המדרש פון שם ועבר שוין כמעט זעכציג יאר, און ער האט נישט ארויסגעטרעטן פון בית המדרש, נאר ער זיצט און לערנט. עשו האט ער געוואוסט אז ער איז א איש יודע ציד איש שדה, ער דרייט זיך ארום אינדרויסען. ער קען לערנען

אויך, נו, וועגן דעם איז ער חשוב'ער, אז פאר אים זאל מען געבן די ברכות, ווי איידער אוועקצוגעבן די ברכות פאר יעקב. אזוי פרעגט דער הייליגער **חתם סופר**.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** א דבר נפלא, דער אייבערשטער האט געבענטשט אברהם אבינו, לך לך מארצך, ואעשך לגוי גדול וגו' והיה ברכה, (יב-א). אברהם אבינו איז נישט געזעסן באהלה של תורה אפגעזונדערט פון די אומות העולם, נאר ער האט געהאט שטענדיג צוטון מיט גוים. ער איז נתגדל געווארן אין א שטוב פון עובדי עבודה זרה, ביי תרח און נמרוד. ער איז געווען דער איינציגסטער וואס האט מפרסם געווען אמונת אלקי עולם, און ווען ער איז ארויפגעקומען אויף די אמונה, האט ער ווייטער געהאט צוטון מיט די אומות העולם, און ער האט זיך געהאלטן ערליך. וויפיל מען האט אים געדרייט וכדומה, איז ער אלץ געבליבען דער זעלבער אברהם מיט זיין קדושה.

**יצחק** האט געהאלטן, אז וועגן דעם האט דער אייבערשטער געבענטשט אברהם, ווייל אברהם איז געווען א מענטש מיט נסיונות. ער האט זיך שטענדיג געדרייט צווישן אומות העולם, און ער איז געבליבען חי בצדקו לפני ה', קומט זיך אים די ברכות. אבער יעקב וואס איז א איש תם יושב אהלים, ער זיצט אין בית המדרש און ווייסט נישט וואס טוט זיך אינדרויסען אויף די גאס, און ער איז אזוי ערליך, און ער זינדיגט נישט, איז נישט א חידוש. ער זיצט דאך אין בית המדרש און ער לערנט און ער דינט דעם אייבערשטען, וועגן דעם זעהט ער אזוי אויס. אבער עשו וואס דרייט זיך ארום צווישן גוים, ער איז א איש יודע ציד איש שדה, און פון דעסט וועגן דאך פרעגט ער, אבא האיך מעשרין את המלח, זיין עבודה איז דומה צו די עבודה פון אברהם אבינו. אברהם אבינו האט זיך אויך געדרייט צווישן אומות העולם, און ווייל ער האט זיך געהאלטן ערליך, האט ער באקומען די ברכות פונעם אייבערשטען. מען קען נישט איבערגעבן די ברכות נאר פאר איינעם וואס פירט זיך אויף, אזוי ווי אברהם. עשו פירט זיך אויף ווי אברהם, אבער יעקב איז א איש תם יושב אהלים, ער קען נישט באקומען די ברכות.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אבער סוף כל סוף האט דאך יעקב באקומען די ברכות. יצחק האט אים געבענטשט. אבער ער האט נישט געהאט א כלי אז ער זאל קענען מקבל זיין די ברכות, ווייל יצחק איז געווען גערעכט. די ברכות וואס דער אייבערשטער געבט, גיט ער נאר פאר איינעם וואס האט נסינות. אברהם האט געהאט נסיונות, אבער יעקב האט דאס נישט געהאט, איז ער נישט געווען א כלי אז ער זאל קענען מקבל זיין די ברכות. האט אים דער אייבערשטער מזמין געווען, אז עשו זאל אים פיינט האבען, און ער זאל מוזען אנטלויפן צו לבן אין שטוב, און זיצען מיט דעם גוי לבן צוזאמען צוויי און צוואנציג יאר, און ווען ער וועט אהיימקומען פון דארט ערליך, וועט ער זיין אזוי ווי אברהם אבינו, און ער וועט אויך קענען מקבל זיין די ברכות. וועגן דעם בשעת יעקב איז אוועקגעגאנגען צו לבן אין שטוב, האט אים יצחק געזאגט, ויתן לך את ברכת אברהם (כח-ד), דער אייבערשטער זאל דיר געבן די ברכה וואס אברהם האט באקומען. יעצט ווען דו גייסט צו לבן, געב איך דיר די ברכה, ווייל די ברכה פון אברהם איז דאך געווען פאר איינעם וואס האט צוטון מיט אומות העולם, און ביז יעצט ביזטו נישט געווען א כלי מקבל צו זיין די ברכות. אבער יעצט אז דו גייסט אוועק צו לבן, קענסטו עס באקומען. עד כאן דברי **החתם סופר**.

**אויב** אזוי האט מען דאך פארענטפערט יעצט ביידע. אברהם האט נישט געקענט געבן די ברכות פאר יצחק, ווייל ביי יצחק געפונט מען נישט אז ער זאל האבען אמאל עפעס צוטון מיט די אומות העולם. יצחק איז כל ימיו געזעסן באהלה של תורה, און ער איז נישט געגאנגען אין ערגעץ. און כל שכן אויף די עלטער ווען ער איז געווען א זקן, כלוא בבית, האט ער געדינט דעם אייבערשטען נאר פאר זיך אליין. האט אברהם נישט געקענט איבערגעבן פאר יצחק זיינע ברכות וואס ער האט באקומען, ווייל יצחק איז נישט א כלי מקבל צו זיין די ברכות. די ברכות איז נאר פאר איינעם וואס דרייט זיך צווישן אומות העולם, און ער פירט זיך ערליך, אבער יצחק האט דאס נישט. האט אברהם אבינו נישט געגעבן די ברכות פאר יצחק. יצחק האט דאך יא געהאט א קינד עשו, וואס עשו האט

ער געהאלטן אז דאס איז אזוי ווי אברהם, האט ער אים געוואלט געבן די ברכות. און ווען די ברכות זענען אריבערגעגאנגען צו יעקב, האט יעקב געדארפט אריבערגיין צו לבן, כדי ער זאל ווערן א כלי מקבל צו זיין די ברכות, און עס זאל חל זיין די ברכות פון יצחק אויף יעקב.

**יעקב** האט יעצט געדארפט איבערגעבן די ברכות פאר זיינע קינדער. לאמיר זעהן וואס איז געווען מיט זיינע קינדער. זיינע קינדער זענען כל ימיהם געזעסן על התורה ועל העבודה. איין זון האט ער געהאט, יוסף, וואס איז רוב ימיו אפגעזעסן אין מצרים. פון די זיבעצן יאר, איז ער געזעסן אויף א נידריגע פלאץ אין מצרים, און ער האט געהאט דעם נסיון העוני. ביי די דרייסיג יאר איז ער געווארן א מלך אין מצרים, ביז די הונדערט און צען יאר, אכציג יאר איז ער געווען מלך אין מצרים, און ער האט געהאט דעם נסיון העושר. ער האט זיך אלץ געדרייט צווישן גוים. האט יעקב געזאגט, די ברכות וואס איך האב מקבל געווען פון מיין טאטען יצחק, דאס קען איך נישט איבערגעבן פאר די איבריגע שבטים, זיי זענען נישט קיין כלים דערפאר, אז זיי זאלן עס קענען מקבל זיין. ברכת אביך גברו על ברכת הורי, מה דאך ברכות הורי, האט מען נישט געקענט איבערגעבן נאר פאר איינעם וואס האט געהאט נסיונות, איז דאך ברכות אביך, מיינע ברכות וואס איך האב באקומען, וואס איז גברו על ברכות הורי, איז דאך אוודאי אז עס איז אסאך א העכערע ברכה, קען איך אוודאי נישט איבערגעבן פאר זיי, נאר תהיין לראש יוסף, יוסף וואס ער איז געווען עומד חי בצדקו אין די אלע נסיונות וואס ער איז אדורכגעגאנגען, אים קען איך איבערגעבן די ברכות.

**די** מוסר השכל דערפון איז, מען האלט דאך יעצט אין די ימי השובבי"ם. אז מען האט נישט א נסיון, און מען דינט דעם אייבערשטען, איז מען נישט א כלי אז מען זאל קענען מקבל זיין די ברכות. **אז מען האט נסיונות אינעם לעבן, און פון דעסטוועגן דאך מאכט מען פאר זיך גדרים וסייגים, און מען פירט זיך אויף ערליך, און מען פאלט נישט אדורך, דעמאלטס ווערט מען א כלי, אז מען זאל קענען מקבל זיין די ברכות פון די אבות.**

**וועגן** דעם לערנט מען די פרשה, בעפאר מען גייט אריין אין די ימי השובבי"ם, ווייל א מענטש קען טראכטען, ווי אזוי איז מעגליך מתקן זיין, ווי אזוי איז מעגליך אז מען זאל זיך פירען ערליך, ווען מען וואוינט אין א מצרים, אזוי ווי מען איז געווען דארט, ווי אזוי קען מען זיין ערליך. לערנט מען קודם די פרשה פון יוסף, און מיט דעם גייט מען אריין אין די שובבי"ם. יוסף האט געהאט אלע נסיונות וואס מיר האבען, און נאך שווערערע נסיונות, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך געפירט ערליך. און דער אייבערשטער האט אים באצאלט נישט נאר אויפן עולם הבא, נאר דער באשעפער האט אים באצאלט אויף די וועלט. ער איז געווארן א מלך, אין דעם זכות וואס ער האט זיך געהאלטן ערליך. דאס גיט אונז די כוחות דערצו, ווען מען קומט אריין אין די ימי השובבי"ם, אז מען זאל זיך קענען פירען ערליך, מיט אלע נסיונות.

*

***יום שני פרשת שמות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע הרה"ג רבי **חיים אלעזר ראבינאוויטש** שליט"א דומ"ץ דינוב, **בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א**, להזמין את **רבינו שליט"א** להחתונה של בנו בשעטומ"צ.

*

***יום רביעי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אברהם קורץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש זוועהיל. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של החתן **מנחם** נ"ו, בן

הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים לאנדא** הי"ו (וומסב"ג).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **חיים אלעזר ראבינאוויטש** שליט"א דומ"ץ דינוב, בן כ"ק **האדמו"ר מדינוב שליט"א**, עב"ג בן **הגה"צ אב"ד בערטש שליט"א**, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים האדמורי"ם שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת שמות***

אחר תפלת שחרית בישיבה גדולה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** השמיע לתלמידי הישיבה דברי הדרכה לימי השובבי"ם.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר א-ג), אז משה רבינו האט געהאט צען נעמען, און דער אייבערשטער האט געזאגט, איך גיי אים רופן מיט די נאמען משה, וואס בתיה בת פרעה האט אים געגעבן, אלץ הכרת הטוב, צו לערנען דעם מענטש, אז מען דארף מכיר טובה זיין. ווען איינער טוט דיר עפעס א טובה, זאלסטו עס געדענקן אויף שטענדיג. זי האט ארויסגענומען משה רבינו פונעם וואסער, כאטש זי האט נישט געמיינט הצלת נפשות, זי האט געהאט זייטיגע אינטערעסן, אבער סוף כל סוף איז ער ניצול געווארן דורך איר, האט דער אייבערשטער געזאגט, אז מען זאל אים רופן מיט דעם נאמען משה, וואס זי האט אים געגעבן.

**איך** האב אמאל געזאגט, אז עס איז דא נאך א סיבה, פארוואס דער אייבערשטער האט א נאמען געגעבן משה רבינו מיט דעם נאמען משה. מען געפונט בשעת בתיה בת פרעה איז געגאנגען ארויסנעמען משה רבינו, שטייט אין פסוק (ב-ה) ותשלח את אמתה, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, צו נעמען דאס קעסטעלע וואס איז געווען דארט. רש"י ברענגט צו, אז דאס קעסטעלע איז געווען ווייט אוועק פון איר, און דער אייבערשטער האט אויסגעצויגען איר האנט, און עס איז אנגעקומען ביז משה רבינו, און זי האט אים גענומען. דאס אליין אז דער אייבערשטער מאכט א נס, אויסצושטרעקן איר האנט, אז עס קומט אן ביז אהין, האט שוין ביי איר אויפגעברענגט אז עפעס מוז זיין מיט דעם קינד, עס איז א אויסטערליש קינד, און עס איז נישט קיין חידוש אז זי האט נאכדעם גענומען משה רבינו, און אים ארייגנענומען צו זיך אין שטוב, און אים אויפגעצויגען. יעדער איינער ביי אונז ווען עס וואלט געשען אזא נס, אז ער שטרעקט אויס זיין האנט, און עס קומט אן ביז די נעקסטע גאס, וואלט פארשטאנען אז דאס איז א זאך מן השמים, וואס ער דארף עס טון.

**דער** הייליגער **רבי ר' בונם פון פרשיסחא זי"ע** פרעגט אבער א צווייטע קשיא. וואס איז געווען איר חשבון. ווען מיר זעהען א זאך וואס איז ווייט אקעגן איבער, וועט איינעם איינפאלן אויסצושטרעקן די האנט און עס נעמען? ער ווייסט דאך אז די זאך איז נישט נעבן אים, עס איז אויף יענעם עק. עס איז דאך נישט איינגעפאלן פאר איר אז עס גייט געשען א נס, אז עס וועט זיך אויסשטרעקן איר האנט אנצוקומען ביז אהין, וואס איז געווען איר חשבון אויסצושטרעקן די האנט און נעמען דאס קעסטעל פון משה רבינו.

**זאגט** דער הייליגער **רבי ר' בונם**, ווען א יוד האט אן התעוררות צו א געוויסע זאך, דארף ער אנהייבען צו טון אן א חשבון. אז מען מאכט חשבונות, קומט מען נישט אן אין ערגעץ. מען דארף טון די זאך אן א חשבון. איך גיי עס טון, צו איך קען יא, צו איך קען נישט, איך גיי פראבירן. וואס איך קען, גיי איך טון פון מיין זייט. וואס איך וועל נישט קענען אויספירן, בין איך א אונס. ער פארלאזט זיך אויף חסד ה', אז דער אייבערשטער וועט אים העלפען. וויפיל עס איז בידו דארף א מענטש פראבירן צו טון. און דאס איז דער לימוד מוסר השכל פון בתיה בת פרעה, איך זעה דארט א קינד, איך וויל אים מציל זיין, אויב איך קען אויסשטרעקן די האנט, גיי איך עס קודם אויסשטרעקן. ווען א מענטש מיינט ערליך, ער שטרעקט אויס זיין האנט וויפיל ער קען, מאכט דער אייבערשטער א נס, אז עס קומט אן זייער ווייט. אזוי זאגט דער הייליגער **רבי ר' בונם**.

**בתיה** האט א נאמען געגעבן משה רבינו, מיטען נאמען משה, כי מן המים משיתיהו, איך האב אים

ארויסגעצויגען פון וואסער. ווי אזוי האב איך אים ארויסגעצויגען פונעם וואסער, ער איז דאך געווען אויף יענעם עק. אבער איך האב געטון מיינס, איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט, און עס איז אנגעקומען ביז אהין. איז דאך טייטש אז א מענטש דארף טון וואס ער קען, און דאס איבריגע טוט דער אייבערשטער. האט דער אייבערשטער געוואלט, אז משה רבינו וואס ער איז דער נותן התורה פאר יודען, די גאנצע תורה וואס מיר האבען, האט אונז משה רבינו געגעבן. זכרו תורת משה (מלאכי ג-כב), דער אייבערשטער האט געוואלט, אז מען זאל שטענדיג געדענקען די תורת משה, געדענק וואס דער נאמען משה לערנט דיך. משה לערנט אונז, אז א מענטש דארף טון וואס ער קען, און דאס איבריגע דארף ער לאזן פארן אייבערשטען. זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, און דאס איבריגע האט דער אייבערשטער געטון.

**דאס** זעלבע איז ביי יעדן מענטש, **ווען עס קומט צו תורה און עבודת ה', מאכט מען אסאך מאל חשבונות, איך וועל נישט אנקומען, און וועגן דעם הייבט ער אפילו נישט אן. איך וועל ממילא נישט אנקומען, וואס האב איך אנצוהייבען. עס איז אבער נישט ריכטיג. ווייל א געוויסען חלק קען יעדער אנקומען. ער קען אפשר נישט אנקומען צו קענען אלעס, אבער ער קען אנקומען א געוויסען חלק צו וואס ער קען יא. און טאמער א מענטש טוט זיך מזדרז זיין, צו וואס ער קען אנקומען, נעמט ער אויף זיך אז ער גייט עס טון, זעהט מען שפעטער א סייעתא דשמיא, אז ער שטרעקט אויס די האנט, און עס קומט אן אסאך ווייטער.** ווייל משה רבינו האט אונז געגעבן די תורה, האט דער אייבערשטער געוואלט אז ער זאל בלייבען מיט די נאמען משה. כדי אז ווען מען וועט רעדן פון משה, וועט מען פרעגן פארוואס הייסט ער משה, כי מן המים משיתיהו, ווייל מען האט אים ארויסגעצויגען פון וואסער. ווי אזוי האט מען אים ארויסגעצויגען פון וואסער, זי איז דאך געשטאנען אויף דעם עק, און משה רבינו איז געווען אויף יענעם עק, נאר ווייל זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט אן א חשבון, איז זי אנגעקומען ביז משה רבינו. זאל מען זיך אראפלערנען פון דעם, אז ווען עס קומט צו תורה דארף א מענטש אויך אזוי טון.

א מענטש דארף שטענדיג טון, וויפיל ער קען טון. אין מיין מצב ווי איך בין, איך קען נישט טוישען זאכען. וואס איך בין, מיין קאפ, מיין חברותא, מיין ישיבה, וואס איך האב, דאס בין איך, און איך דארף זעהן אויסצונוצען די מאקסימום וואס איך קען. און אז ער טוט וואס ער קען, טוט דער אייבערשטער העלפען אז ער קומט אן.

**מען** האלט אנהייב שובבי"ם, אין ישיבה קטנה איז שובבי"ם א גאנצע עסק, אין ישיבה גדולה וואלט דאך געדארפט זיין נאך מער, מען איז דאך שוין עלטער, מען איז מיט א יאר שפעטער. און אין ישיבה גדולה דארף מען נישט מאכן דעם זעלבן עסק ווי מען מאכט אין ישיבה קטנה, פארוואס, נישט ווייל מען דארף נישט, נאר ווייל מען איז עס שוין אויסגעוואקסען, מען איז שוין מיט א מדריגה ווייטער. אין א ישיבה גדולה גיט מען א געלעגענהייט, אז א מענטש זאל זיך אליין בויען.

**מען דארף וויסען דעם כלל.** די ישיבה קטנה איז געשטעלט געווארן, ער איז א קינד, ער ווייסט נאך נישט אלעס, פון חדר קומט ער אריין אין א ישיבה, און מען דארף אים נאך ווייזען טריט ביי טריט ווי אזוי ער דארף צו גיין. און ממילא דארף מען אים איינלערנען, די ערשטע יאר ווייניגער, דאס צווייטע יאר מער, די דריטע יאר נאך מער. עס קומט א צייט ווען א בחור ווערט אביסל מער זעלבסשטענדיג, דאס איז ווען ער קומט אריין אין ישיבה גדולה. און ווען ער האט חתונה, ווערט ער נאכמער זעלבסשטענדיג. ער גייט ארויס פון א מסגרת פון א ישיבה, און ער דארף זיך שוין פירען הונדערט פראצענט אליין. א ישיבה גדולה איז אזוי אינדערמיט. עס איז דא געוויסע זאכען וואס מען פארלאנגט נישט, און מען בעהט נישט, ווייל מען איז שוין נישט קיין קינד, וואס מען זאל אים דארפן זאגען, אז מען דארף טון אזוי און אזוי. אבער עס איז די צייט צו נוצען דעם אייגענעם קאפ, דעם אייגענעם שכל. מען דארף געדענקען ווי אזוי מען האט זיך געפירט פארדעם, און יעצט דארף מען עס טון, מיטן אייגענעם רצון.

**איך** זאג אלץ, **וואס איז דער חילוק צווישן בין הזמנים און אינמיטן זמן.** עס איז דער זעלבער

באשעפער, און דער זעלבער תורה. די חילוק איז, אז אינעם זמן איז עס מיט א עול, עס איז דא א צייט ווען מען דארף קומען, און מען שטייט, מען קאנטראלירט צו מען איז געקומען צו נישט. יעדע זמן גיט מען פאר א בחור איין חודש, יעצט פראבירט דיך אויס אליין. דעם בין הזמנים, קוק וואו דו ביזט אנגעקומען. דעם בין הזמנים פיר אלעס אזוי ווי דו האסט דיך געפירט אינמיטן זמן, אבער פיר עס אויף דיין אייגענעם האנט. דו אליין דארפסט אויפשטיין, דו דארפסט זיין אין בית המדרש צום דאווענען און צום לערנען, דו דארפסט האבען א חברותא צו לערנען, אלעס מיט א אייגענעם עול.

**און** דאס איז אויך אין ישיבה גדולה. אין ישיבה גדולה גיט מען א געלעגענהייט פאר א בחור, זיך אויפצוואקסען צוביסלעך. ווייל איין מאל וועט קומען א טאג, וואס אפילו דאס וועט אויך נישט זיין, מען וועט וואוינען פאר זיך אליין. ווען מען האט חתונה דארף מען די זעלבע לערנען, און מען דארף די זעלבע דאווענען, און מען דארף קובע זיין עתים לתורה. און אז מען דארף זיין אין כולל, דארף מען זיין אין כולל, אבער דאס טוט מען שוין מיטן אייגענעם רצון, און מיטן אייגענעם פארשטאנד. אין ישיבה גדולה הייבט מען אן אויסצולערנען א בחור, טו אלעס דורך דיר אליין, מען דארף נישט שטיין אויף דיר מיט א שטעקן, נישט ווייל עס איז דער זמן דארפסטו לערנען, נאר דו דארפסט לערנען פארן זמן און נאכן זמן. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען וועט אויפשרייבען צו נישט, צו מען וועט נעמען חשבון צו דו ביזט געקומען צו נישט. ישיבה גדולה איז געמאכט געווארן, אז מען זאל פון זיך אליין, קענען אלעס אדורכפירן.

**אפילו** עס איז נישט דא א פראגראם אויף שעות רצופות וכדומה, מיינט דאס נישט אז מען דארף נישט לערנען שעות רצופות. שובבי"ם איז א זמן פון תיקונים, און יעדער דארף האבען תיקונים. יעדער ווייסט נגעי נפשו, וואו ער דארף האבען א תיקון. און ביי בחורים איז כמעט דער איינציגסטער תיקון, צו לערנען פלייסיג, שעות רצופות. נעמען אויף זיך, צו לערנען אן א הפסק.

איך פארשטיי אז מען קען נישט פארלאנגען אז מען זאל לערנען פון צופרי ביז ביינאכט אן א הפסק, וואס כאטש על פי דינא דגמרא טאר מען ממילא נישט אויסרעדן אינמיטן, און ווען מען רעדט אויס אינמיטן לערנען, איז מאכילין אותו גחלי רתמים (חגיגה יב:). אבער עכ"פ געוויסע שעות דארף א בחור מקבל זיין אויף זיך, איך גיי לערנען יעדן טאג אזויפיל שעות רצופות, און איך וועל עס פראבירן אויסצופירן. און אפילו איך בין היינט נישט אנגעקומען, וועל איך מארגען אנקומען. ער זאל האבען אין משך פון די וואכען פון שובבי"ם, א סדר אויף יעדן טאג, וואס די שעות וויל איך מיט מיין חברותא מקדיש זיין צום לערנען. איך וויל אנקומען אין משך פון די וואך, צו לערנען אזויפיל און אזויפיל שעות רצופות. מען דארף עס נישט פארלאנגען, מען דארף עס נישט בעטן, מען דארף עס טון פון זיך אליין. דאס איז א ישיבה גדולה, אז מען טוט א זאך פון זיך אליין.

**און** דאס ליגט אויף די גוטע בחורים. אין יעדע ישיבה איז דא בחורים וואס זענען מער מתמידים, און בחורים וואס זענען וויייניגער מתמידים. די עבודה ליגט אויף די מתמידים, פאר זיי איז עס די גרינגסטע, אז זיי זאלן עס קענען אריינפירען, און זיי האבען די זכות הרבים. ווען זיי שטעלן זיך צו דערצו, האבען זיי אויף זיך די זכות פונעם גאנצן ציבור וואס לערנען פלייסיג.

**איך** האף אז מען וועט מאכען עפעס א געוויסע סדר צווישן זיך, ווי אזוי מען זאל קענען אויספירען די שעות רצופות. איך וואלט הנאה געהאט ווען איך באקום יעדע וואך א צעטל פון יעדען בחור וויפיל שעות רצופות ער איז אדורכגעגאנגען. און אזוי ווי משה רבינו, אויסלייגען די האנט, איך הייב אן. איינער קען לערנען צוויי שעה, איינער קען לערנען דריי שעה, דו קענסט נישט לערנען דריי שעות רצופות, אבער א האלבע שעה קענסטו, הייב אן. דו קענסט נישט לערנען א האלבע שעה, לערן פופצן מינוט, יעדער איינער וויפיל ער קען, זאל ער אנהייבען מיט עפעס. און אז מען הייבט אן האט מען סייעתא דשמיא, הבא ליטהר מסייעין אתו, ווען א מענטש וויל טון גוטע זאכען, העלפט מען אים צו פון הימל.

**מען** דארף אויסנוצן די חזרה פארמיטאג. גוט אדורכלערנען די גמרא מיט די תוספות, דאס קען יעדער איינער אנקומען. חזרה מיינט נישט איבערצוגיין אלע קוועטשעס וואס מען האט געקוועטשט, נאר גוט קענען די גמרא תוספות. אין א יעדען תוספות דארף מען קענען די פשט אין תוספות, און די חילוקים וואס קומען ארויס פון איין תירוץ צום אנדערן תירוץ. און אז מען פראבירט צו טון, העלפט דער אייבערשטער אז מען איז מצליח.

**מען** גייט ענדיגען די קומענדיגע וואך אי"ה הלכות מוקצה, א מקצוע שבתורה, מען האט עס ב"ה זייער פיין אדורכגעלערנט, מען האט נישט ארויסגעלאזט אין יעדע סעיף קיין שום זאך וואס איז נוגע להלכה. ביי יעדע זאך האבען מיר געהאט פארשידענע משלים וואס איז נוגע להלכה למעשה יעדן טאג. ווען א בחור לערנט אדורך סימן ש"ח קען ער קענען אלע הלכות פון מוקצה על בוריה, פונקטליך צו ויסען וואס עס איז נוגע. מען דארף עס איבערלערנען און איבערחזר'ן. נעמען אויף זיך אן עול, נישט וויל מען צווינגט, און נישט וייל מען דארף בעטן, נאר וייל דאס איז א ישיבה גדולה. דו ביזט אן ערוואקסענער בחור, הייינט מארגען קענסטו חתונה האבען, און דעמאלטס וועסטו אינגאנצן זיין אויף די אייגענע פוס. און נישט נאר זיין אויף די אייגענע פוס, נאר דו וועסט נאך דארפן זיין א מחנך אויך, אויף דיינע קינדער אי"ה בקרוב. נו, דארף מען זיך קודם אליין מחנך זיין, אז מען זאל קענען שפעטער זיין א מחנך פאר אנדערע.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען אויסנוצען די טעג פון שובבי"ם ת"ת, אין א עיבור יאר איז שובבי"ם א העכערער ענין. אפילו די וואס האבן נישט געמאכט אן עסק פון שובבי"ם אין א געוועהנליכע יאר, אבער ווען עס איז שובבי"ם ת"ת איז דא א עקסטערע כח מער פון אנדערע טעג פון שובבי"ם. די אלע וואס האבען נישט געפאסט אדער זאגען סליחות, פלעגן מער צו פאסטען און געזאגט סליחות ווען עס איז שובבי"ם ת"ת. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אויסנוצען די טעג צו שטייגען אין תורה און עבודת ה'. דער זכות פון תורה הק' איז מגין אויף אלעם וואס מען דארף. דער באשעפער זאל העלפען, אז מען זאל קענען אויסוואקסען וואס מען דארף אויסוואקסען, און קענען צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לב"פ ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמות</u>***

**בליל** שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל התניא זי"ע, ומהרה"ק רבי משה יוסף טייטלבוים זצ"ל אב"ד אוהעל** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ד טבת). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

במוצאי שבת התקיים המלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק' בעיר וויליאמסבורג, העומדים לשם ולתפארת עם קרוב לאלף תלמידים ותלמידות המתחנכים בחינוך הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור. המסיבה התקיימה ברוב פאר והדר באולם אימפיריעל, במקהלות עם רב, תלמידי וידידי קהלתנו ומוסדותינו הק', בראשות **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

המעמד נפתח על ידי היושב ראש הר"ר **משה יואל גערטנער** שליט"א. אחר כך השמיע הר"ר **ניסן פריעדמאן** הי"ו דברי זכרון לכבוד זקינו הרב **פרץ פריעדמאן** ז"ל, ראש הקהל דקהלתנו הק', שהמסיבה נערכה לעילוי נשמתו. דבר המוסדות השמיע הר"ר **אברהם יהודא האפפמאן** הי"ו. אחר פרקי שירה וזמרה על ידי ילדי מקהלות 'פרחי שיר ושבח' השמיע הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו דברים לכבוד הרב **משה יעקב פישער** שליט"א שנתעטר בפרס 'אב השנה'.

בקשב רב נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א** שדיבר בגודל מעלת החזקת התורה, ובמיוחד העלה

חובת הכרת הטוב להמוסדות הק', ובפרט לחברי ההנהלה העוסקים בלי ליאות להרחיב גבולי הקדושה בקרב מוסדותינו הק' לשם ולתפארת. בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו, יו"ר המוסדות.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די אלע חשובע בעלי בתים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט נאכט צו די מסיבה, פון די החזקת המוסדות דא אין וויליאמסבורג. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאלן קענען ווייטער אויך טון מצות און מעשים טובים, גרינגערהייט מתוך נחת והרחבה.

**די** נאכט האט מען געווידמעט לזכרון פון אונזער אומפארגעסליכען ראש הקהל, **רבי פרץ פריעדמאן** ז"ל, מען האט פריער געהערט פון רבי ניסן, ווי שיין ער האט ארויסגעברענגט די שטריכען פונעם זיידען. זיין הרבצת התורה, זיין התמדת התורה אין די יונגערע יארן, וואס האט אנגעהאלטן אלע יארן שפעטער. זיין דאווענען וואס איז געווען א מוסטער פאר אונז אלע, ווי אזוי ער איז געשטאנען אויף איין פלאץ און זיך נישט אוועקגערירט און נישט ארויסגעקוקט, דעם גאנצן דאווענען איז ער געווען מיוחד מיטן אייבערשטען. זיינע מדות טובות, זיין נאבעלקייט, דאס איידעלקייט, וואס ער האט געהאט. און פערזענליך, איך האב שוין אסאך מאל ארויסגעברענגט די נאנטקייט להבחל"ח וואס ער איז מיר שטענדיג געשטאנען צו די רעכטע האנט, מיט אלעם וואס האט אויסגעפעלט. דעם געוואלדיגען זכות וואס אונזער קהלה זעהט היינט אזוי שיין אויס, נעמט זיך פון דעם וואס ער איז געשטאנען לצידנו. זאל די נשמה האבען אן עליה, און ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

**איך** וויל באדאנקען פאר **ר' משה יעקב פישער** וואס האט אנגענומען צו זיין די פרס אב השנה, ביים דינער היינט נאכט. יעדער ווייסט וויפיל ער טוט אויף ביי אונז אין בית המדרש, און וואס ער טוט פאר אנדערע יודען אין צדקה און חסד, און אין מקרב זיין לבבות של ישראל לאביהם שבשמים, זאל ער ווייטער אויך קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש.

**די** תורה הק' פארציילט די וואך, דעם שיעבוד וואס איז געווען אין מצרים. און אז עס זענען געווען מילדות עבריות וואס האבען געהאלפען צו האבען די קינדער, אשר שם האחת שפרה ושם השנית פועה (א-טו). שפרה און פועה זענען געווען יוכבד און מרים, און זיי האבען אהערגעשטעלט דעם גאנצען כלל ישראל. און פרעה האט זיי געזאגט, אז זיי זאלן זעהן, צו הרג'ענען כל הבן הילוד. און זיי האבען נישט אזוי געטון, נאר ותחיין את הילדים, זיי האבען מחיה געווען די קינדער. און דער אייבערשטער האט זיי באצאלט, וירב העם ויעצמו מאד, יודען האבען זיך פארמערט און געשטארקט. ויעש להם בתים, און שפעטער האבען זיי אויפגעשטעלט פון די הערליכסטע שטובער וואס כלל ישראל האט געהאט. פון יוכבד איז ארויסגעקומען משה רבינו מיט אהרן הכהן. און מלכות איז געווען פון מרים, דוד המלך האבען געשטאמט פון מרים. דער אייבערשטער האט זיי באצאלט, אז זיי האבען אויפגעשטעלט בתי כהונה און בתי לויה און בתי מלכות.

**אין** אלעם וואס שטייט אין די תורה הק' איז דא א רמז אויף אלע זמנים. כלל ישראל האט אויך מילדות. און צוויי סארט מילדות, שפרה און פועה. פועה זאגט רש"י איז די וואס רעדט צו די קינדער, פועה איז א לשון פון רעדן, פועה ומדברת לולד, ווען דאס קינד האט געוויינט, האט זי בארואיגט דאס קינד, און גערעדט צום קינד, אזוי ווי מען רעדט צו קליינע קינדער. און שפרה איז געווען די וואס האט משפר געווען את הולד, וואס האט שיין געמאכט דאס קינד, צו געהאלפען פאר דאס קינד אז ער זאל זיך קענען אנטוויקלען און וואקסען. שפרה און פועה זענען געווען די צוויי מילדות העבריות.

**כלל** ישראל האט אויך צוויי מילדות, יששכר און זבולון. עס איז דא דער יששכר וואס זיין עבודה איז צו לערנען תורה מיט יודישע קינדער. ווען מען רעדט פון א תלמוד תורה, איז עס די מלמדים וואס זיי טוען זייער ארבעט, עבודת הקודש, מלאכת ה' שלא ברמיה. זיי געבן זיך אוועק וויפיל זיי קענען, ארויסצוברענגען פון יעדן קינד עקסטער, דאס מערסטע וואס מען קען ערווארטן פון דעם קינד.

זייער עבודה איז בדיבור, זיי זענען פועה, זיי רעדן צום קינד.

**נאכדעם** איז דא דער צווייטער חלק, דער זבולון וואס איז דא אין כלל ישראל. יששכר אליין קען נישט אסאך אויפטון, ער קען זיצען און לערנען, ער מוז אבער האבען א מחזיק וואס העלפט אים. א תלמוד תורה און א מיידעל שולע, א ישיבה און א מתיבתא, וואו ער זאל קענען מרביץ תורה זיין. אז מען זאל קענען זיין די פועה, מוז מען האבען יודען וואס פארשטייען די חשיבות דערפון, און זיי טוען צוהעלפען, און זיי געבן אוועק פון זייער געלט, צו קענען אנהאלטען די אלע מוסדות התורה. זיי זענען די שפרה, זיי זענען די וואס טוען משפר זיין את הולד. זיי לערנען נישט קיין תורה מיט די קינדער, אבער זיי טוען צוהעלפען צו די שיינקייט, אז מען זאל קענען זיצען און לערנען תורה מיט הרחבת הדעת.

**און** דאס זענען די צוויי מילדות העבריות, שפרה און פועה, וואס טוען מאכען געבוירן, וואס טוען צוהעלפען אז יודישע קינדער זאלן אויסוואקסען. און אויף דעם איז געקומען דער מלך מצרים, און ער האט געוואלט אוועקנעמעןביידע, ער האט געוואלט אוועקנעמען די לומדי תורה, און די מחזיקי תורה. אבער די מילדות העבריות האבען נישט אזוי געטון, נאר ותחיין את הילדים, זיי זענען אנגעגאנגען מיט זייער ארבעט. און דאס וואס זיי האבען מחיה געווען את הילדים, דאס איז געבליבען א נצחיות פאר אלע דורות, אז אפילו אין די שווערסטע גליות, אזוי ווי מען איז געווען אין מצרים, איז געבליבען שטענדיג די צוויי מילדות, יששכר און זבולון, פארן כלל ישראל.

**און** דער אייבערשטער באצאלט, די מילדות העבריות האבען געטון זייער עבודה מיט מסירת נפש, האט זיי דער באשעפער באצאלט, נישט מיט געלט, און נישט מיט גשמיות'דיגע ענינים, נאר ויעש להם בתים (א-כא), דער אייבערשטער האט זיי געגעבן שטובער, זיי האבן אויפגעשטעלט בתי כהונה, און בתי לויה, און בתי מלכות. שפרה און פועה האבען געהאט די שענסטע משפחות פון כלל ישראל.

**עס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר די מלמדים, די מילדות העבריות ווי פועה, וואס געבן זיך אפ צו לערנען תורה מיט יודישע קינדער. און עס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר די וואס זענען מחזיק תורה. נישט אייביג קומט עס אן גרינג, און פון דעסטוועגן דאך קוקט מען נישט אויף די שוועריקייטען וואס איז דא, און מען גיט אוועק וואס מען קען פאר תורה. זיי זענען די שפרה וואס איז משפר את הולד. ויעש להם בתים, דער באשעפער באצאלט עס. מען זעהט די אלע וואס האבן געלערנט ערליך תורה מיט יודישע קינדער, האבן וואוילע שטובער. און די אלע וואס זענען מחזיק תורה ערליך, שטעלן אויף שטובער לשם ולתפארת, דאס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר די מילדות העבריות.**

*

**איך** האב געוואלט ארויסברענגען א נקודה. די אלע וואס זענען דא זענען דאך נישט קיין פרעמדע, אלע זענען היימיש. אדער האבען זיי קינדער אין תלמוד תורה, אדער האבן זיי קינדער אין די מיידל שולע, אדער האבן זיי א טובת הנאה פון אונזער קהלה, און וועגן דעם געפונען זיי זיך דא. מען געפונט די וואך אין די פרשה, דעם ענין פון הכרת הטוב. א מענטש דארף מכיר טובה זיין אויף א טובה וואס מען האט פון יענעם. מערערע חלקים געפונט מען די וואך אין די פרשה, וואס איז מוקדש אויף הכרת הטוב. אין די קומענדיגע פרשה זעהט מען, אז דער אייבערשטער האט געברענגט די צען מכות אויף די מצריים, און משה רבינו האט געדארפט זיין דער שליח עס אויסצופירען, אבער נישט אלע מכות האט משה רבינו אליין געברענגט אויף די מצריים. אטייל האט דער אייבערשטער געהייסען אז ער זאל עס איבערגעבן פאר אהרן אז ער זאל עס טון און נישט משה. מכת דם און מכת צפרדע, האט מען געדארפט שלאגען די וואסער, און נאכדעם איז געווארן דם, און פון דארט איז ארויסגעקומען צפרדע. און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, דו קענסט עס נישט טון. דו ביזט געראטעוועט געווארן דורך די וואסער, מען האט דיך אריינגעלייגט אין א קעסטל אינעם וואסער, און אזוי ביזטו געבליבן לעבן. דו קענסט נישט זיין דער שליח וואס וועט גיין שלאגען דעם וואסער, און

קאליע מאכען די וואסער וואס איז דא אינעם יאור. אפילו מען דארף עס האבן זייער וויכטיג, די גאולה פון כלל ישראל איז תלוי אין דעם, עס דארף קומען די צען מכות איבערצוצייגען פרעה אז ער זאל ארויסשיקען די יודען, אבער דו קענסט נישט זיין דער שליח דערצו, דו דארפסט מכיר טובה זיין פאר דעם וואסער.

**ווען** עס איז געקומען צו מכת כינים, און משה רבנו וויל טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, אראפצוברענגען אויף די וועלט אזא גרויסען נס. זאגט דער אייבערשטער, כינים איז נישט דורך דיר, דאס איז אויך דורך אהרן. פארוואס, ווייל ביי כינים דארף מען שלאגען די ערד, אז עס זאל ארויסגעבען כינים, און דו האסט געהרג'ט דעם מצרי, ויטמנהו בחול, מען האט אים אריינגעלייגט אין די ערד, און דורכדעם ביזטו ניצול געווארן, מען האט נישט געכאפט וואס דו האסט געטון, ביזטו שולדיג א הכרת הטוב פאר דעם חול, האט משה רבינו נישט געקענט ברענגען קיין איינע פון די דריי מכות. אפילו עס האט אראפגעברענגט די גרויסקייט פונעם אייבערשטען אויף די וועלט, עס איז געווען גילוי שכינה, אבער משה רבינו האט עס נישט געקענט טון, ווייל ער איז מחוייב א הכרת הטוב פארן וואסער, און ער איז מחוייב א הכרת הטוב פאר די ערד, האט ער זיי נישט געקענט שלאגען. - און מען רעדט דא פון הכרת הטוב פאר א דומם, פאר א קלאץ, פאר ערד, פאר וואסער, און פון דעסטוועגען דאך האט עס נישט צו טון, א מענטש דארף זיין א מכיר טובה.

**עס** שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני קסו), אז משה רבינו האט געהאט צען נעמען. איין נאמען האט אים זיין פאטער געגעבן, איין נאמען די מוטער, ברודער און שוועסטער, און בתיה בת פרעה האט אים א נאמען געגעבן משה, כי מן המים משיתיהו (ב-י). און דער אייבערשטער האט געזאגט, איך רוף דיך נישט מיט קיין איינע פון די נעמען וואס מען האט דיר א נאמען געגעבן, נאר מיט דעם נאמען וואס זי האט דיך גערופן. זי האט דיך מציל געווען, קומסטו פאר איר א דאנק. איך גיי דיך רופן מיט דעם נאמען משה, ווייל דאס האסטו באקומען פון דעם וואס האט דיך מציל געווען. און אלץ הכרת הטוב פאר איר, איז משה רבינו געבליבן מיטן נאמען משה. זעהט מען דעם געוואלדיגען ענין פון הכרת הטוב, וואס א מענטש דארף מכיר טובה זיין, אויף גוטס וואס ער באקומט.

**דער** זיידע דער **שאמלויא'ער רב זי"ע** זאגט, זכרו תורת משה עבדי (מלאכי ג-כב), תורה איז טייטש לערנען. דער אייבערשטער זאגט, 'זכרו' געדענק, 'תורת משה' וואס דער נאמען משה לערנט ענק. דער נאמען משה רבינו וואס ער איז געבליבען מיט דעם נאמען, אלץ הכרת הטוב פאר בתיה בת פרעה. 'זכרו', געדענקטס, 'תורת משה', די לערנען וואס דער נאמען משה טוט ענק לערנען.

**בדרך** כלל האט א מענטש הכרת הטוב צו די נאנטסטע וואס ער האט. זיינע עלטערן, טאטע און מאמע, וואס פלאגען זיך מיט א קינד ביז זיי מאכען אים חתונה, און אסאך מאל שפעטער אויך. וויפיל נעכט מען איז נישט געשלאפן, וויפיל געלט איז אוועקגעגאנגען פאר א קינד, ביז מען האט אים מחנך געווען. וויפיל עגמת נפש, און וויפיל צער גידול בנים גייען עלטערן אדורך, קומט זיך אז ווען מען ווערט ערוואקסען און מען קומט צום שכל, אז אויסער די מצוה פון כיבוד אב ואם, זאל מען האבען פשוט הכרת הטוב, מכיר טובה זיין וואס די עלטערן האבען געטון. דאס איז די נאנטסטע הכרת הטוב.

**די** צווייטע הכרת הטוב וואס א מענטש איז שולדיג, איז צו קינדער וואס מען האט. קינדער איז די חשוב'סטע וואס א מענטש פארמאגט, עס איז נישטא נאך א זאך אויף די וועלט וואס פארמאגט אזא חשיבות ביי א מענטש, ווי ווען דער אייבערשטער גיט אים ערליכע יודישע דורות. דאס איז די שענסטע מתנה וואס דער רבונו של עולם קען געבן פאר א מענטש. פארוואס, ווייל אלע אנדערע זאכען איז פארגענגליך, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט). אז דער אייבערשטער העלפט און מען האט קינדער תלמידי חכמים, איידעלע קינדער, ערליכע קינדער, ערליכע יודישע דורות, דאס איז א זאך וואס מען נעמט מיט שטענדיג. די חשוב'סטע זאך ביי א מענטש איז צו האבען ערליכע דורות.

**ווער** שטעלט אוועק, אז ענקערע קינדער זאלן זיין ערליך. נישט טאטע און מאמע, זיי לייגען אריין גאנץ וויייניג כוחות דערין, ווייל זיי קענען נישט. ער האט נישט קיין צייט זיך אפצוגעבן, ווייל ער איז אין די ארבעט, ער קען נישט לערנען מיט זיין קינד. הלואי דאס ביסל וואס מען פארלאנגט פון איס, זאל ער יא קענען געבן פאר די קינדער. ווער שטעלט אהער דעם קינד וואס וואקסט אויס א תלמיד חכם, אנגעהויבען האט זיך עס ביי זיין רבי וואס האט אים אויסגעלערנט אל"ף בי"ת, נאכדעם האט מען אים אויסגעלערנט עברי, נאכדעם האט מען אים אויסגעלערנט חומש מיט רש"י, ווען ער איז עלטער געווארן האט מען אים אויסגעלערנט גמרא מיט תוספות, די מלמדים האבען אהערגעשטעלט פאר עלטערן אז זיי זאלן האבען א קינד א תלמיד חכם.

**און מען איז שולדיג פאר זיי א הכרת הטוב. עס איז נישט אז מען קומט צו א דינער, און מען גיט אפאר דאלער, ווייל מען דארף מחזק זיין, איך האב דא א שייכות, מוז איך עס מחזק זיין. ניין, עס איז א הכרת הטוב. דו האסט קינדער וואס וואקסען אויס תלמידי חכמים, מען פלאגט זיך מיט זיי א גאנצען טאג, מען שטעלט אהער מיידלעך וואס זאלן זיין אנגעפילט מיט יראת שמים, וויפיל מען קען געבן אין די היינטיגע צייטן, און מען פלאגט זיך די מערסטע וואס מען קען אריינצולייגען אין די קינדער. און ווער טוט עס, די מוסדות ווי ענקערע קינדער לערנען. די שטעלן עס אהער פאר ענק. פארוואס קומט זיך נישט א הכרת הטוב, אז מען זאל מכיר טובה זיין פאר דעם מלמד וואס האט צוגעהאלפען פאר דעם קינד צו לערנען, פאר די ישיבה וואס פלאגט זיך אז מען זאל קענען האלטן א מקום אז מען זאל קענען לערנען מיט זיי. פשוט מענטשליכקייט, עס קומט זיך א הכרת הטוב, צוצושטיין צו הילף פארן מוסד מיט וואס מען קען.**

**עס** איז מיר היינט אויסגעקומען צו זעהן א מעשה, און איך וויל עס פארציילען. אין די קאמעניצער ישיבה איז געווען א משגיח וואס האט געהייסען רבי משה אהרן שטערן, און ער האט פארציילט, אז אמאל האט מען אים גערופען, אז ער זאל קומען צו א בר מצוה פון איינע פון די קינדער פון די קאמעניצער תלמוד תורה. עס איז געווען ווייט פון ווי ער האט געוואוינט, און ער איז געפארן קיין ירושלים קיין קטמון, צו די בר מצוה. ווען ער איז אנגעקומען צו די בר מצוה, זעהט ער אז עס שטעלט זיך אפ א טעקסי ביי דעם שטוב פון דעם בר מצוה, און א עלטערער יוד עפענט די טיר, און ער שרייט ארויס פונעם טעקסי, אז מען זאל אים געבן הילף, אז ער זאל קענען ארויסגיין פונעם טעקסי, צו גיין צו די בר מצוה. האט דער קאמעניצ'ער משגיח געזאגט, ווען איך האב געהערט אז איינער רופט פאר הילף, בין איך צוגעגאנגען, און איך זעה אז עס איז דער מירער ראש ישיבה, **רבי חיים שמולביץ זצ"ל**, וואס איז אויך געקומען צו די בר מצוה.

**דעם** טאג האט **רבי חיים שמולביץ** געהאט זייער א פארנומענעם טאג. דעם טאג איז געווען א הספד אויף אן איידעם פונעם **חפץ חיים**, **רבי מענדל זקס ז"ל**, וואס איז געווען ראש ישיבה אין ראדין, און **רבי חיים** איז געווען פון די ראש המספידים. בייינאכט האט ער געגעבן א שיעור פאר די בני הישיבה, און ווען ער פלעגט צו געבן א שיעור, האט ער אריינגעלייגט אלע כוחות וואס ער האט געקענט אין דעם שיעור, און ער איז נאך געקומען צו דעם בר מצוה. פרעגט דער קאמעניצ'ער משגיח דעם **רבי חיים**, פארוואס זענט איר געקומען אזוי פערזענליך צו די בר מצוה.

**זאגט** אים **רבי חיים**, איך וועל אייך ענטפערן דערויף. דער טאטע פון דעם בר מצוה בחור, קומט צו מיינע מוסר שמועסן וואס איך געב אין די ישיבה. און איך האב געשפירט אן הכרת הטוב, וואס איך דארף אים געבן פאר זיין טירחא וואס ער איז זיך מטריח צו קומען פון דעם ווייטן קטמון קיין ירושלים, זיך משתתף צו זיין ביי מיינע שמועסן, אז ווען ער מאכט א שמחה דארף איך זיך גיין משתתף זיין ביי זיין שמחה. האט דער קאמעניצ'ער משגיח געזאגט פאר **רבי חיים**, אזויפיל מענטשן קומען דאך צו די דרשה, עס איז נישט דא קיין פלאץ צו זיצע, ווען דער ראש ישיבה רעדט, און אפילו קוים פלאץ צו שטיין איז נישט דא. און ווען איינער טרעפט שוין יא א פלאץ ווי ער קען זיצען, איז עס ביי אים א געווינס. מאכט אויס פאר **רבי חיים** אז עס איז

געקומען נאך א מענטש, און פארדעם דארף זיך **רבי חיים** מטריח זיין, און גיין צו די בר מצוה.

**זאגט** אים **רבי חיים**, איך וועל אייך מסביר זיין. א ציבור פון מענטשן געשעהט פון אסאך יחידים, יעדער יחיד גיט א חלק פונעם ציבור. אזוי ווי פרוטה פרוטה מצטרפת לחשבון גדול, יעדער גרויסער חשבון מוז זיין פון קליינע פרוטות וואס האבען זיך צוזאמגעשטעלט ביז עס איז געווארן אזא גרויסער חשבון, אזוי אויך, יעדער יוד וואס קומט צו, צו א ציבור, איז יעדער יוד א חלק פונעם גאנצן ציבור, ווייל אן דעם יחיד וואלט א ציבור נישט געווען. צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם, יעקב אבינו איז נאכגעגאנגען נאך פכים קטנים (חולין צא.), יעדע קלייניגקייט איז געווען ביי אים א חביבות. האט **רבי חיים** גע'ענדיגט, אויב דער טאטע פון דעם בר מצוה בחור וואלט זיך נישט משתתף געווען, און נאך איינער, און נאך איינער וואלטן אויך נישט געקומען, וואלטן מיינע מוסר שמועסן געגאנגען צו די ווענט, איך וואלט נישט געהאט צו וועם צו רעדן. עס איז דאך נאר, ווייל עס איז דא אזויפיל יחידים, וואס יעדער יחיד קומט, וועגן דעם איז דא אזא ציבור יודען וואס הערן מיך. ווען עס וואלט נישט געווען די אלע איינצעלנע יחידים, וואלט דאך געפעלט פון די וועלט אזויפיל יראת שמים, וואס איך בין משפיע מיט מיינע מוסר שיעורים, האט ער דאך א חלק אין דעם וואס איך קען געבן מוסר שמועסן, קומט זיך נישט אז איך זאל אים מחזיק טובה זיין, אז ווען ער מאכט א שמחה זאל איך גיין?!

**א** עלטערער יוד, וואס האט געהאט טויזנטער תלמידים, האט געשפירט פאר זיך, אז אלץ הכרת הטוב דארף ער פארן צו יענעמס בר מצוה, אפילו מען דארף אים העלפען ארויסגיין פונעם קאר, ווייל דער יוד האט אים געהאלפן, אז ווען ער זאגט א דרשה איז פול דער בית המדרש, און עס קומט ארויס א נחת רוח פארן אייבערשטען פון דעם יראת שמים וואס געשעהט. עס איז א געוואלדיגע מדה פון הכרת הטוב.

**און כל שכן ווען מען רעדט פון א קהלה, פון מוסדות, וואס ער האט א חלק און ער איז נהנה דערפון, זיינע קינדער וואקסען דא אויף, און ער אליין איז נהנה אמאל פריוואט, קומט זיך א הכרת הטוב אויף דעם פלאץ ווי מען איז. צוצושטיין צו הילף, און דאס מחשיב זיין מער ווי א צווייטען מקום. דא בין איך נהנה, דא שטעלט מען מיר אויף מיינע קינדער, וואס וועלן אויסוואקסען תלמידי חכמים, און ערליכע יודען, איך דארף צוהעלפען פאר דעם מקום, אז דער מקום זאל קענען בליען.**

**איך** בין נתגדל געווארן אין א שטוב, וואו הכרת הטוב האט פארנומען זייער א גרויס פלאץ. ביי מיין טאטע ז"ל איז געווען א ארימע שטוב, [עס איז ב"ה געווען אלעס וואס קינדער דארפן צו האבען, אבער ברייט איז נישט געווען], און מען האט געלעבט פון דעם וואס יודען האבן מחזיק געווען. ער האט נישט געקענט גענוג באדאנקען פאר איינעם וואס האט אים מחזיק געווען, שטענדיג האט ער עס געדענקט פאר יענעם, און ווי ער האט געקענט יענעם צוריקצאלן, האט ער אים צוריקגעצאלט.

**איך** האב געלערנט אלס בחור אין נייטרא ישיבה, מיין טאטע ז"ל האט נישט פארפעלט א מלוה מלכה פאר די ישיבה וואס ער זאל נישט גיין, ווייל זיין קינד האט דארט געלערנט, און מען האט אים אויפגעשטעלט קינדער תלמידי חכמים. **איך פערזענליך, בין שוין אוועק פון נייטרא ישיבה כמעט פופציג יאר, איך מיין אז איך האב נאכנישט פארפעלט איין מלוה מלכה וואס איך זאל נישט זיין דארט פערזענליך. איך רעד נישט פון געבן געלט, נאר איך זאל דארט זיין פערזענליך, אלס הכרת הטוב.** אויף דעם פלאץ בין איך נתגדל געווארן, דארט האב איך געהאט מיין התעלות, איז מען מחוייב א הכרת הטוב אויף דעם מקום. ווען יודען קומען, און מען פארשטייט אז מען דארף באמת מכיר טובה זיין, טוט מען אלעס אנדערש, מען טוט אלעס מיט אן אנדערע כוונה, מיט אן אנדערע צוגאנג וואס מען גייט צו דערצו. ווען מען שפירט א חיוב און מען אנערקענט אז מען האט עפעס באקומען פון דעם פלאץ, קען מען נאכדעם צוקומען דערצו אז מען זאל קענען האבען אן אמת'דיגע הכרת הטוב.

*

**רבי שמואל דוד פישער** זאל זיין געזונט, מקצת שבחו בפניו, גיט אוועק אזויפיל כוחות פאר די מוסדות. מען האט נישט א השגה, וואס דאס מיינט צו טראגען אזא בודזשעט פון אזוי פיל מיליאנען דאלערס וואס ער טראגט אויף זיך. און עס קומט נישט צופוס, מיר האבן נישט קיין הכנסה פון קיין שום מקום, אויסער פון די יודען וואס טוען מחזיק זיין אונזערע מוסדות. אלע אנדערע מקומות הכנסות וואס מיר האבן אמאל געהאט, האבען מיר שוין נישט. און עס איז א געוואלדיגער זכות צוצושטיין צו זיין הילף, און אים העלפען. [לעולם האט מען אים געבעטן אז ער זאל ארויפקומען אהער רעדן, און אראפלייגען די מצב ווי אזוי מען פלאגט זיך, אבער ער האט געענטפערט אזוי ווי משה רבינו האט געענטפערט די וואך אין די פרשה, לא איש דברים אנכי (ד-י), ער קען נישט רעדן. האט מען אים געזאגט, אז מען וועט אים צוגרייטען וואס ער זאל רעדן. האט ער געזאגט, לא איש דברים אנכי גם מתמול גם משלשום, אפילו מען גרייט מיך צו פון נעכטען און פון אייערנעכטען, בין איך אויך נישט א איש דברים. זאגט ער עס נישט אליין, אבער איך געב איבער וואס ער וואלט געדארפט צו זאגען].

**ב"ה די מוסדות ביי אונז בליען און וואקסען, און מען שפרינגט אריין אין פארשידענע פראיעקטען, וואס קאסט אפ ממון ודמים. דאס פאריגע יאר האט מען געעפענט א נייע מיידל קעמפ, ווי הונדערטער מיידלעך זענען אדורכגעגאנגען. עס קאסט אפ מיליאנען דאלערס, דאס קויפן, און דאס אויפהאלטן, און וואס עס פעלט אויס דערצו. מען איז יעצט ארייגעשפרינגען צו בויען א פרישע בנין פאר די מיידעל שולע, מען רעדט פון שווערע מיליאנען דאלערס דאס אהערצושטעלן, און אלעס איין מענטש אליין, וואס טוט דאס אלעס.**

**און** מען זאל נישט מיינען אז ער באקומט קאמפלימענט"ס פאר די אלע זאכען וואס ער טוט, קריטיק איז דא ב"ה פון אלע זייטען, פארוואס האט מען געדארפט טון אזוי, און פארוואס האט מען געדארפט טון אזוי, דאס איז זייער גרינג צו געבען, און אפקילען פון יעדען דבר טוב וואס מען טוט. **עס איז א געוואלדיגע זכות וואס מען איז מחזיק, און מען איז מחזק. אדרבה, מען דארף פרעגן וואס קען איך צוהעלפען, וואס קען איך זיין אן עסקן, און צוגעבן אז די מוסדות זאלן קענען ווייטער בליען.** ער האט אויף זיך די עול נישט נאר פון דא, נאר אויך דער עול פון די מתיבתא, די ישיבה קטנה און די ישיבה גדולה, האט ער גענומען אויף זיך אלעס אהערצושטלן. און ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, ב"ה עס איז נתרבו ספסלי בבי מדרשא, איך בין אים שולדיג א הכרת הטוב, וואס ער פירט דעם מקום אזוי געטריי און ערליך.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פאר די אלע וואס העלפען צו אז די מוסדות זאלן וואקסען, סיי פאר די פועה וואס זענען די מלמדי תינוקות, די וואס לערנען און געבן איבער תורת ה' פאר די קומענדיגע דורות. און סיי פאר די שפרה וואס העלפען און זענען משפר את הולד, זאל זיי דער אייבערשטער געבן, ויעש להם בתים, זיי זאלן אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער, ערליכע שטובער, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער.

**מען** האט פריער גערעדט פונעם מיידל קעמפ וואס מען האט געעפענט. איך שפיר א הכרת הטוב וואס מען דארף ארויסברענגען פאר ר' **משה יצחק שווארץ** זאל זיין געזונט, וואס ער איז געווען דער וואס האט זיך אריינגעלייגט דערין, און ער האט אוועקגעגעבן אסאך טעג און נעכט אז עס זאל צושטאנד קומען, און אז מען זאל קענען האבען די קעמפ. זאל אים דער אייבערשטער בענטשען, אז ער זאל זעהן נחת און שמחות ביי אלע זיינע קינדער.

**אין** זכות פון דעם וואס מיר זענען מחזיק תורה, אין אזא שווערען דור וואו מען לעבט היינט, און פון דעסטוועגען דאך וויל מען האבען קינדער זאלן גיין בדרכי התורה, גיין אויפן ריכטיגען וועג, ערליכע יודישע דורות יראי ה' ויראי חטא, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער לתורתו ועבודתו יתברך שמו. און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.